# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.....................**4:57**
מוצאי שב"ק.....................**6:30**

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.....................צפניה א'-ב'
בבלי.....................נזיר י"ב
ירושלמי.....................פאה ט"ו
תוספתא.....................סוטה י"ג
רמב"ם.....................סנהדרין ד'

פרשת בשלח, שבת שירה, י"ג שבט, שנת תשפ"ג לפ"ק
שנה 12, גליון 19 (589)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

הֲיֵשׁ ה' בְּקִרְבֵּנוּ אִם אָיִן, וַיָּבֹא עֲמָלֵק וַיִּלָּחֶם עִם יִשְׂרָאֵל בִּרְפִידִים. גְלַייךְ נָאכְדֶעם וָואס דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה דֶערְצֵיילְט אוּנְז אַז דִי אִידְן הָאבְּן גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אוּנְז, אִיז גֶעקוּמֶען עֲמָלֵק מִלְחָמָה צוּ הַאלְטְן מִיט דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (פְּסִיקְתָּא דְּרַב כַּהֲנָא, הוּבָא בְּרַשִׁ"י שְׁמוֹת יז, ח), אַמָאל אִיז גֶעוֶועְן אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעגַאנְגֶען אַ וַוייטֶע וֶועג מִיט זַיין קִינְד, דָאס קִינְד הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין כֹּחַ מֶער צוּ גֵיין הָאט אִים דֶער טַאטֶע גֶענוּמֶען אוֹיפְ'ן אַקְסְל, אַזוֹי אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעגַאנְגֶען מִיטְ'ן קִינְד אוֹיפְ'ן פְלֵייצֶע, גֵייעֶנְדִיג אוֹיפְ'ן וֶועג זֶעט דָאס קִינְד וִוי אֵיינֶער פַארְקוֹיפְט גֶעשְׁמַאקֶע עֶסְן הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן זַיין טַאטֶע עֶר זָאל אִים גֶעבְּן עֶסְן אוּן דֶער טַאטֶע הָאט אִים גֶעגֶעבְּן עֶסְן, גֵייעֶנְדִיג וַוייטֶער בֶּעט עֶר זַיין טַאטֶע אַז עֶר דַארְף טְרִינְקֶען אוּן דֶער טַאטֶע הָאט אִים גֶעקוֹיפְט אַ טְרִינְק, אַזוֹי אִיז גֶעוֶועְן מִיט אַלֶעס וָואס דֶער קִינְד הָאט גֶעזֶען, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן זַיין טַאטֶע זָאל אִים דָאס קוֹיפְן אוּן דֶער טַאטֶע הָאט אִים אַלֶעס גֶעגֶעבְּן, גֵייעֶנְדִיג וַוייטֶער הָאט דָאס קִינְד גֶעזֶען אֵיינֶעם גֵיין אוּן הָאט יֶענֶעם גֶעפְרֶעגְט: "הָאסְט אֶפְשַׁר גֶעזֶען מַיין טַאטֶע? אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וואוּ מַיין טַאטֶע אִיז!" וֶוען דֶער טַאטֶע הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן דָאס קִינְד פוּן זַיין אַקְסְל, אִיז גֶעקוּמֶען אַ הוּנְט אוּן גֶעבִּיסְן דָאס קִינְד.

אַזוֹי אִיז גֶעוֶועְן וֶוען דִי אִידְן זֶענֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן מִצְרַיִם, עֶר הָאט זֵיי גֶעוִויזְן דִי גְרוֹיסֶע ווּאוּנְדֶער, עֶר הָאט גֶעשְׁפָּאלְטְן דֶעם יַם, זֵיי גֶעגֶעבְּן צוּ עֶסְן מָן פוּן הִימְל, דִי בְּרוּנֶעם וַואסֶער צוּ טְרִינְקֶען אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, בִּיז דִי אִידְן הָאבְּן גֶעפְרֶעגְט "הֲיֵשׁ ה' בְּקִרְבֵּנוּ?" דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא מִיט אוּנְז? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט פַארְגֶעסְן פוּן אוּנְז? גְלַייךְ הָאט פַּאסִירְט דִי פַּרְשָׁה מִיט עֲמָלֵק, וַיָּבֹא עֲמָלֵק אוּן עֶר הָאט גֶעבִּיסְן דִי אִידְן.

מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג חַזְרְ'ן מִיט אוּנְז אַז אַלֶע סְפֵיקוֹת אוּן קָאפְּדְרֵייעֶנִישְׁן קוּמְט פוּן עֲמָלֵק; עֲמָלֵ"ק בַּאטְרֶעפְט אַזוֹי וִוי סָפֵ"ק, דֶער עִיקָר פוּן עֲמָלֵק אִיז אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען סְפֵיקוֹת אִינֶעם מֶענְטְשׁ: 'וֶועל אִיךְ נָאךְ הָאבְּן אַ תַּקָנָה?' 'קֶען אִיךְ נָאךְ תְּשׁוּבָה טוּן?' 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף מִיר נָאךְ הָאבְּן?' 'וֶוערְן מַיינֶע תְּפִילּוֹת אוֹיךְ אָנְגֶענוּמֶען?' דָאס אַלֶעס אוּן נָאךְ בְּרֶענְגְט עֲמָלֵק אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ, אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל טְרַאכְטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נִישְׁט מִיט אִים אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים נִישְׁט, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט "הֲיֵשׁ ה' בְּקִרְבֵּנוּ אִם אָיִן"; אוּן גְלַייךְ נָאכְדֶעם שְׁטֵייט "וַיָּבֹא עֲמָלֵק".

אַז מִיר וֶועלְן אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן זִיךְ דִי אַלֶע סְפֵיקוֹת וּבִלְבּוּלִים וֶועלְן מִיר רִיכְטִיג מְקַיֵּים זַיין דֶעם מְחִיאַת עֲמָלֵק; אַז מִיר וֶועלְן גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אוּנְז, בַּיי אוּנְז אוּן נֶעבְּן אוּנְז אוּן עֶר הֶערְט צוּ אוּנְזֶערֶע תְּפִילּוֹת.

אַזוֹי אוֹיךְ דַארְפְן מִיר הָאבְּן אֱמוּנָה אִין זִיךְ אוּן שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְטְן: 'יֶעדֶע זַאךְ וָואס אִיךְ טוּ, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַ נַחַת רוּחַ פוּן דֶעם'; בִּפְרַט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל אוּן עֶר רֶעדְט זִיךְ אוֹיס זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס עֶס טוּט זִיךְ אָפּ אִין הִימְל אוּן וָואס פַאר אַ רַעשׁ עֶס וֶוערְט דֶערְפוּן. אַלֶע קְלִיפּוֹת אוּן מְקַטְרְגִים וֶוערְן פַארְבְּרֶענְט פוּן דֶעם.

וֶוער הַאלְט מִלְחָמָה מִיט עֲמָלֵק? דִי צַדִּיקִים וָואס פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי הַאלְטְן מִלְחָמָה מִיט אִים; זֵיי דֶערְמַאנֶען אוּנְז נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל מִיר זָאלְן גֶעדֶענְקֶען עֶס אַז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער, עֶר טוּט אַלֶעס, עֶר מַאכְט אַלֶעס; קֵיינֶער קֶען גָארְנִישְׁט טוּן נָאר וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט. מִיר גֶעפִינֶען בַּיי דִי פַּרְשָׁה פוּן עֲמָלֵק, וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעהַאלְטְן זַיינֶע הֶענְט אִינֶעם רִיכְטוּנְג פוּן הִימְל הָאבְּן דִי אִידְן מְנַצֵּחַ גֶעוֶועְן, פְרֶעגְן חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים (רֹאשׁ הַשָּׁנָה פֶּרֶק ג, מִשְׁנָה ח): "וְכִי יָדָיו שֶׁל מֹשֶׁה עוֹשׂוֹת מִלְחָמָה אוֹ שׁוֹבְרוֹת מִלְחָמָה?" צִי טוּט דֶען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ'ס הֶענְט מַאכְן מֶען זָאל מְנַצֵּחַ זַיין אָדֶער פַארְלִירְן דִי מִלְחָמָה, "אֶלָּא כָּל זְמַן שֶׁהָיוּ יִשְׂרָאֵל מִסְתַּכְּלִים כְּלַפֵּי מַעְלָה וּמְשַׁעְבְּדִין אֶת לִבָּם לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם, הָיוּ מִתְגַּבְּרִים; וְאִם לָאו, הָיוּ נוֹפְלִין", נָאר וָואס דֶען, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעזִיצְן אוּן גֶעוִויזְן מִיט זַיינֶע הֶענְט אוֹיף אַרוֹיף, עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי אִידְן: "קוּקְט אַרוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן! הָאטְס נִישְׁט מוֹרָא פוּן עֲמָלֵק"; עֲמָלֵק ווִיל אוּנְז שְׁוַואךְ מַאכְן, עֶר כַאפְּט דִי מֶענְטְשְׁן וָואס פַאלְן אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת אוּן עֶר זָאגְט זֵיי: "דוּ בִּיסְט שׁוֹין פַארְפַאלְן, דוּ בִּיסְט שׁוֹין דֶערְנָאךְ!" קוּמְט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן וַוייזְט אוֹיף אַרוֹיף, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זָאגְט: "קוּק נִישְׁט וָואס עֲמָלֵק זָאגְט, הֶער נִישְׁט צוּ דֶעם יֵצֶר הָרָע, דוּ קוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תְּצַוֶּה תשפ"פ)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבַט

חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבַט אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה פַאר דִי בֵּיימֶער. דֶער פָּסוּק זָאגְט (דְּבָרִים כ', י"ט) "כִּי הָאָדָם עֵץ הַשָּׂדֶה" - אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַזוֹי וִוי אַ בּוֹים, זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ אַז אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ אַסַאךְ אָפְּלֶערְנֶען פוּן אַ בּוֹים וִוי אַזוֹי אָנְצוּגֵיין אִין זַיין לֶעבְּן.

### זִיךְ דֶערְהַאלְטְן

אוֹיף אַ בּוֹים גֵייט דוּרְךְ זֵייעֶר שְׁוֶועֶרֶע צַייטְן, עֶס וֶוערְט ווִינְטֶער, עֶס קוּמֶען שְׁוֶועֶרֶע ווִינְטְן, הָאגְל, שְׁנֵיי, אַלֶע בְּלֶעטֶער פַאלְן אַרָאפּ, דֶער בּוֹים וֵוייסְט נִישְׁט אוֹיבּ עֶר וֶועט עֶס דוּרְךְ מַאכְן. אוֹיבּ אָבֶּער עֶר הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק, עֶר וֵוייסְט אַז בַּאלְד וֶועט קוּמֶען זוּמֶער אוּן דִי זוּן וֶועט אוֹיפְשַׁיינֶען אוּן עֶר וֶועט צוּרִיק אוֹיפְלֶעבְּן, מַאכְט עֶר עֶס דוּרְךְ אוּן עֶס בְּלַייבְּט שְׁטֵיין אַ הֶערְלִיכֶע בּוֹים.

אוּן אֲפִילוּ זוּמֶער קוּמֶען אוֹיךְ דִי הִיצְן וָואס טְרִיקֶענֶען אוֹיס דֶעם בּוֹים, אוּן עֶס זֶעט אוֹיס וִוי עֶר וֶועט וֶוערְן אִינְגַאנְצְן פַארְטְרִיקְנְט, אָבֶּער אוֹיבּ דֶערְהַאלְט עֶר זִיךְ, בְּלַייבְּט עֶר שְׁטֵיין, אוּן עֶס בְּלַייבְּט אַ הֶערְלִיכֶע בּוֹים.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט אַ מֶענְטְשׁ, עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ אַסַאךְ שְׁוֶועְרִיקַייטְן, אַסַאךְ מָאל זֶעט אִים אוֹיס וִוי עֶר הַאלְט עֶס שׁוֹין מֶער נִישְׁט אוֹיס, עֶר קֶען עֶס מֶער נִישְׁט דוּרְךְ טְרָאגְן, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס הֵייבְּט שׁוֹין אָן צוּ גֵיין אַבִּיסְל בֶּעסֶער, קוּמֶען פְּרִישֶׁע צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן עֶר ווִיל שׁוֹין אוֹיפְגֶעבְּן. אוֹיבּ אָבֶּער עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן, עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ, וֶועט אִים צוּם סוֹף גוּט זַיין.

ווּאוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס דֶערְהַאלְט זִיךְ אוּן עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ וֶועט אִים צוּם סוֹף זַיין גוּט.

### זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן

אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ זֶעט מֶען בַּיי דִי בֵּיימֶער, מֶענְטְשְׁן שְׁפֵּייעֶן אוֹיף זֵיי, שְׁטוֹיסְן אוֹיף זֵיי, מֶען וַוארְפְט אוֹיף זֵיי שְׁמוּץ, מֶען גִיסְט זֵיי אָן מִיט וַואסֶער, אָבֶּער דֶער בּוֹים דֶערְשְׁרֶעקְט זִיךְ נִישְׁט, עֶר

<<<<<<

## א גוט ווארט

אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מִיר דַארְפְן זִיךְ פַארְמַאכְן דִי אוֹיגְן אוּן מוֹיל, נִישְׁט פְרֶעגְן קַיין שְׁאֵלוֹת אוּן נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין.

גֶעבְּט זִיךְ אַכְטוּנְג פוּן דִי גִיפְטִיגֶע וָוארֶעם 'זִיךְ בַּאשׁוּלְדִיגְן'; דָאס קֶען פַארְ'סַמְ'ן דָאס לֶעבְּן. וֶוען אִיר שְׁפִּירְט אִיר כַאפְּט אַ בִּיס, אִיר הוֹיבְּט אָן טְרַאכְטְן 'אִיךְ בִּין שׁוּלְדִיג' – זָאלְט אִיר גְלַייךְ זָאגְן: "אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶר מַאכְט אַלֶעס, עֶר טוּט אַלֶעס".

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שְׁמוֹת תשפ"ג)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# לָאז אָפּ אוֹיבֶּער'חָכָמִ'ישְׁקֵייט, דוּ קֶענְסְט יָא תְּשׁוּבָה טוּן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ג' פַּרְשַׁת בֹּא, י"ז שׁוֹבָבִי"ם, ב' שְׁבָט, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

גְלֵייבּ דֶעם רֶבִּי'ן, גְלֵייבּ אַז דוּ קֶענְסְט יָא תְּשׁוּבָה טוּן; לָאז אָפּ דַיינֶע אוֹיבֶּער'חָכָמִ'ישְׁקֵייט, לָאז אָפּ דַיינֶע סְבָרוֹת אַז דוּ בִּיסְט שׁוֹין דֶערְנָאךְ. דֶער רֶבִּי זָאגְט דָאךְ (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קיב): "אִם אַתָּה מַאֲמִין, שֶׁיְּכוֹלִין לְקַלְקֵל", אוֹיבּ דוּ גְלֵייבְּסְט אַז דוּ קֶענְסְט טוּן שְׁלֶעכְטְס, "תַּאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְתַקֵּן", גְלֵייבּ אוֹיךְ אַז דוּ קֶענְסְט פַארְרֶעכְטְן; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט אָן דַיין תְּשׁוּבָה, עֶר וַוארְט דוּ זָאלְסְט זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּ אִים. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תּוֹרַת כֹּהֲנִים, בְּחוּקוֹתַי) דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "מִיַּד שֶׁהֵם מִתְוַדִּים עַל עֲוֹנוֹתֵיהֶם, מִיַּד אֲנִי חוֹזֵר וּמְרַחֵם עֲלֵיהֶם", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה אוֹיף זַיינֶע עֲבֵירוֹת - בִּין אִיךְ אִים גְלַייךְ מוֹחֵל, אוּן אִיךְ פִיר זִיךְ מִיט אִים מִיט רַחֲמָנוּת.

דוּ קֶענְסְט תְּשׁוּבָה טוּן, בִּיסְט נָאךְ נִישְׁט דֶערְנָאךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט דוּ זָאלְסְט זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּ אִים, אֲפִילוּ דוּ הָאסְט רַחֲמָנָא לִצְּלַן פּוֹגֵם גֶעוֶועזְן בִּבְרִית - קֶענְסְטוּ נָאכְאַלְץ פַארְרֶעכְטְן, קֶענְסְט תְּשׁוּבָה טוּן. גֵיי אִין מִקְוֶה אוּן זָאג דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִים [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ], אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר מוֹחֵל זַיין. זַיי זִיךְ מִתְוַדֶּה, דֶערְצֵייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן אוּן בֶּעט אִים עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר.

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי יִשְׂרָאֵל סַאלַאנְטֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַמָאל שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט אַרַיין צוּם שׁוּסְטֶער, עֶר הָאט זִיךְ אַנְטְשׁוּלְדִיגְט אַז עֶר קוּמְט אַזוֹי שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט אִין אַזַא שְׁפֶּעטֶע שָׁעָה, אָבֶּער זַיין שִׁיךְ הָאט זִיךְ מַמָּשׁ יֶעצְט צֶערִיסְן אוּן עֶר וִויל וִויסְן צִי עֶר קֶען דָאס נָאךְ פַארְרֶעכְטְן. הָאט זִיךְ דֶער שׁוּסְטֶער אָנְגֶערוּפְן: "וִוי לַאנְג דִי לִיכְט בְּרֶענְט, קֶען אִיךְ פַארְרֶעכְטְן דִי שִׁיךְ"; רֶבִּי יִשְׂרָאֵל סַאלַאנְטֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן פוּן דִי וֶוערְטֶער, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ 'דָאס מֵיינְט מֶען מִיר', עֶר הָאט דָאס גֶענוּמֶען וִוי אַ בַּת קוֹל פוּן הִימְל וָואס זָאגְט: 'וִוי לַאנְג דִי לִיכְט בְּרֶענְט, וִוי לַאנְג אִיךְ לֶעבּ, מַיין נְשָׁמָה אִיז אִין מִיר, (דִי נְשָׁמָה וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אַ לִיכְט אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט [מִשְׁלֵי כ, כז]: 'נֵר ה' נִשְׁמַת אָדָם'), קֶען אִיךְ נָאךְ אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן'.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַיינֶע קִינְדֶער אוּן אֵייניקְלֶעךְ זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, תְּפִילוֹת פוּן עֶלְטֶערְן - דָאס מַאכְט דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיךְ. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, פֶּרֶק יח): "מַעֲשֶׂה בְּכֹהֵן אֶחָד שֶׁהָיָה יְרֵא שָׁמַיִם בַּסֵּתֶר, וְהָיוּ לוֹ עֲשָׂרָה בָּנִים מֵאִשָּׁה אַחַת, שִׁשָּׁה זְכָרִים וְאַרְבַּע נְקֵבוֹת", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ כֹּהֵן זֵייעֶר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס הָאט גֶעהַאט צֶען קִינְדֶער - זֶעקְס זִין אוּן פִיר טֶעכְטֶער, "וּבְכָל יוֹם וָיוֹם הָיָה מִתְפַּלֵּל וּמִשְׁתַּטֵּחַ וּמִתְחַנֵּן וּמְבַקֵּשׁ רַחֲמִים וּמְלַחֵךְ בִּלְשׁוֹנוֹ עָפָר, כְּדֵי שֶׁלֹּא יֵצֵא אֶחָד מֵהֶן לִידֵי עֲבֵירָה וְלִידֵי דְּבַר מְכֹעָר", עֶר פְלֶעגְט זִיךְ יֶעדְן טָאג אַרָאפְּוַוארְפְן אוֹיף דֶער עֶרְד וֵויינֶען אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן; "אָמְרוּ לֹא יָצְתָה אוֹתָהּ שָׁנָה וְלֹא שֵׁנִית וְלֹא שְׁלִישִׁית, עַד שֶׁבָּא עֶזְרָא וְהֶעֱלָה אֶת יִשְׂרָאֵל מִבָּבֶל, וְהֶעֱלָה אִתּוֹ כֹּהֵן עִמָּהֶם. לֹא נִכְנַס אִתּוֹ כֹּהֵן לְבֵית עוֹלָמוֹ, עַד שֶׁרָאָה כֹּהֲנִים גְּדוֹלִים וּפִרְחֵי כְהוּנָּה מִבָּנָיו וּמִבְּנֵי בָנָיו עַד חֲמִשִּׁים שָׁנָה, וְאַחַר כָּךְ נִכְנַס אוֹתוֹ כֹּהֵן לְבֵית עוֹלָמוֹ", בִּיז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אַרוֹיף צוּ גֵיין קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מִיט אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער צוּזַאמֶען מִיט עֶזְרָא הַסּוֹפֵר, אוּן אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען גֶעוָוארְן כֹּהֲנִים גְּדוֹלִים אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אוּן דֶער כֹּהֵן הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קִינְדֶער אוּן אֵייניקְלֶעךְ וָואס אַלֶע פוּן זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן דִי עֲבוֹדָה אִינֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז תְּפִילָּה אִיז דִי עֵצָה זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בֹּא תשפ"א)

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

גֵייט וַוייטֶער אָן, אוּן אַנְשְׁטָאט צוּרִיק טוּן שְׁלֶעכְטְס, טוּט עֶר נָאךְ צוּרִיק גוּטְס, עֶר גֶעבְּט אַרוֹיס פֵיינֶע גֶעשְׁמַאקֶע זִיסֶע פְרוּכְט מִיט וָואס יֶעדֶער אִיז זִיךְ מְחַיֶּה.

דָאס דַארְף אַ מֶענְטְשׁ נָאכְמַאכְן, אֲפִילוּ וֶוען מֶען פַארְשֶׁעמְט אִים, מֶען מַאכְט אִים צָרוֹת, מֶען דֶערְנִידֶערְט אִים, זָאל עֶר זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן נָאר וַוייטֶער טוּן טוֹבוֹת אוּן גוּטְס מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם.

מֶען זֶעט אַז אַלֶע צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעהַאט דֶעם נִסָּיוֹן, מֶען הָאט זֵיי פַארְשֶׁעמְט אוּן אַרָאפּ גֶעקוּקְט, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן נָאר זֵיי הָאבְּן וַוייטֶער צוּרִיק גֶעגֶעבְּן נָאר גוּטְס, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט סְפָרִים מִיט וָואס דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז זִיךְ מְחַיֶּה.

### זִיךְ נִישְׁט הַאלְטְן גְרוֹיס

נָאךְ אַ זַאךְ זֶעט מֶען בַּיי דִי בֵּיימֶער, אַז דִי וָוארְצְלֶען פוּנֶעם בּוֹים גֵייעֶן אַרַיין טִיף אִין דֶער עֶרְד, אוּן וִוי טִיפֶער זֵיי זֶענֶען אִין דֶער עֶרְד, אַלְץ שְׁטֶערְקֶער אוּן בֶּעסֶער הַאלְט זִיךְ דֶער בּוֹים, אוּן פַארְקֶערְט אוֹיבּ דִי וָוארְצְלֶען זֶענֶען נָאר פוּן אוֹיבְן אוֹיף, זֵיי זֶענֶען נִישְׁט גֶענוּג טִיף אִין דֶער עֶרְד, דַאן אִיז דֶער בּוֹים זֵייעֶר שְׁוַואךְ, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט אַ שְׁטַארְקֶע וִוינְט וֶועט עֶס אַוֶועק בְּלָאזְן דֶעם בּוֹים, אוּן עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט בְּלַייבְּן פוּן אִים.

פוּן דֶעם קֶען זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ אָפְּלֶערְנֶען, אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ הַאלְטְן גְרוֹיס, עֶר וֶועט וַוייזְן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם וִוי גוּט אוּן גֶעלוּנְגֶען עֶר אִיז, אוּן עֶר וֶועט אַרָאפּ קוּקְן אַ צְוֵוייטְן, דַאן וֶועט עֶר צוּם סוֹף פַאלְן, וַוייל יֶעדֶער וֶועט אִים פַיינְט הָאבְּן, מֶענְטְשְׁן הָאבְּן נִישְׁט לִיבּ אֵיינֶעם וָואס הַאלְט זִיךְ גְרוֹיס אוּן קוּקְט אַרָאפּ אוֹיף יֶעדְן.

אַ מֶענְטְשׁ וָואס בַּאהַאלְט אָבֶּער זַיינֶע גוּטֶע מַעֲלוֹת, עֶר אִיז צוּגֶעלָאזְן צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם, עֶר קוּקְט אַרוֹיף אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, אַזַא מֶענְטְשׁ הָאט יֶעדֶער לִיבּ, אוּן עֶר וֶועט זִיךְ קֶענֶען הַאלְטְן אוּן שֵׁיין מַצְלִיחַ זַיין.

### נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט אַ טֶבַע אִין אַ בּוֹים אַז יֶעדֶע בּוֹים צִיט זִיךְ אַלֵיין זַיין לֶעבְּן פוּן דֶער עֶרְד אוּן קַיין אֵיין בּוֹים צִיט נִישְׁט פוּן אַ צְוֵוייטְן בּוֹים, פוּן יֶעדֶע בּוֹים וַואקְסְט אַרוֹיס אַנְדֶערֶע מִינֵי פְרוּכְט אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, קַיין אֵיין בּוֹים מִישְׁט זִיךְ נִישְׁט אַרַיין אִין אַ צְוֵוייטְן.

פוּן דֶעם קֶען זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ אָפְּלֶערְנֶען, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרַיינְמִישְׁן אִין אַ צְוֵוייטְן, נָאר עֶר זָאל צִיעֶן זַיין לֶעבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין. וָואס עֶר דַארְף זָאל עֶר נָאר בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן.

וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, סַיי אוֹיבּ יֶענֶער אִיז בֶּעסֶער פוּן אִים, סַיי אוֹיבּ יֶענֶער אִיז עֶרְגֶער פוּן אִים, וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין גוּט.

וֶוען עֶר וֶועט קוּקְן אוֹיף אֵיינֶעם וָואס אִיז בֶּעסֶער פוּן אִים, מֶער גֶעלוּנְגֶען פוּן אִים, וֶועט עֶר טְרַאכְטְן אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט ווערְד, וַוייל עֶר זֶעט דָאךְ אַז יֶענֶער קֶען בֶּעסֶער. אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען עֶפֶּעס אוֹיפְטוּן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ צוּבְּרֶעכְן מִיטְן טְרַאכְטְן אַז יֶענֶער אִיז בֶּעסֶער, וֶועט עֶר נִישְׁט טוּן אֲפִילוּ וָואס עֶר קֶען יָא טוּן.

אוּן אוֹיבּ עֶר וֶועט טְרַאכְטְן אַז עֶר אִיז בֶּעסֶער פוּן יֶענֶעם, וֶועט אוֹיךְ נִישְׁט זַיין גוּט, וַוייל עֶר וֶועט אֵייבִּיג טְרַאכְטְן אַז מֶען דַארְף אִים גֶעבְּן מֶער כָּבוֹד פוּן יֶענֶעם, וַוייל עֶר אִיז מֶער חָשׁוּב פוּן יֶענֶעם, אוּן מֶען דַארְף מַאכְן מֶער אַ עֵסֶק פוּן אִים, אוּן אוֹיבּ מֶען וֶועט אִים עֶס נִישְׁט גֶעבְּן, וֶועט עֶר וֶוערְן אִינְגַאנְצְן צוּבְּרָאכְן אוּן טְרוֹיעֶרִיג.

דֶערְפַאר אִיז דִי עֵצָה, נִישְׁט צוּ קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, אוּן עֶס זָאל אִים נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן וָואס אַ צְוֵוייטֶער טוּט, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר נִישְׁט זַיין צוּבְּרָאכְן אוּן עֶר וֶועט אוֹיפְטוּן אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס עֶר קֶען יָא.

וואוּיל אִיז פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס גֶעדֶענְקְט אַז עֶר אִיז אַזוֹי וִוי דֶער בּוֹים, אוּן עֶר מַאכְט נָאךְ דִי אַלֶע זַאכְן פוּנֶעם בּוֹים וָואס מִיר הָאבְּן אוֹיסְגֶערֶעכְנְט, וֶועט עֶר זִיכֶער אוֹיסְוַואקְסְן וִוי אַ שְׁטַארְקֶע שֵׁיינֶע בּוֹים, אוּן אַרוֹיס גֶעבְּן גוּטֶע זִיסֶע פְרוּכְט פוּן וָואס יֶעדֶער וֶועט הֲנָאָה הָאבְּן, וואוּיל אִיז אִים אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(קוּנְטְרֵס ט"ו בִּשְׁבָט)

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (קסא)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: ר' שִׁמְעוֹן, אַ תַּלְמִיד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִיז גֶעוֶוען פַארְוָואגְלְט פַאר עֶטְלִיכֶע יָאר, אוּן עֶר קוּמְט צוּרִיק אָן צוּם רֶבִּי'ן.**

אִין יֶענֶע צַייט אִיז דֶער רֶבִּי גֶעזֶעסְן מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִין זַיין הוֹיז אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, אוּן עֶס הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעגְלִיטְשְׁט פוּן רֶבִּינְ'ס מוֹיל דִי וֶוערְטֶער, "אוֹי! עֶס אִיז אַ גְרוֹיס רַחֲמָנוּת אוֹיף ר' שִׁמְעוֹנְ'לֶע", אוּן קֵיינֶער הָאט דֶעמָאלְט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס דֶער רֶבִּי מֵיינְט דֶערְמִיט. פַאר ר' שִׁמְעוֹן אִיז דֶעמָאלְט אַרַיין אִין קָאפּ אַז עֶר דַארְף זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם רֶבִּי'ן, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן גֵיין פוּן דָארְף צוּ דָארְף אוּן פוּן שְׁטָאט צוּ שְׁטָאט מִיטְ'ן צִיל אָנְצוּקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין בְּרֶסְלֶב, אוּן אוֹיפְ'ן וֶועג הָאט עֶר אַסַאךְ גֶעוֵויינְט אוֹיף דִי אַלֶע שְׁוֶועריִקֵייטְן וָואס עֶר הָאט מִיטְגֶעמַאכְט דִי אַלֶע יָארְן.

אֵיין טָאג אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען אִין אַ גֶעוִויסֶע דָארְף אוּן אִיז אַרַיין דָארְט צוּ אַ אִיד אִינְדֶערְהֵיים, אוּן גְלַייךְ וֶוען עֶר הָאט נָאר גֶעעֶפְנְט דִי טִיר אוּן אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען הָאט זִי גֶעבּוֹירְן אַ אִינְגְל לְמַזָּל טוֹב, אוּן דֶער אִיד הָאט גֶעטְרַאכְט אַז דֶער ר' שִׁמְעוֹן אִיז זִיכֶער אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק אוּן דֶערִיבֶּער הָאט עֶר אִים אוֹיפְגֶעהַאלְטְן דָארְט פַאר אַכְט טֶעג בִּיז צוּם בְּרִית וֶוען עֶר הָאט אִים מְכַבֵּד גֶעוֶוען מִיט סַנְדְקָאוּת.

דֶערְנָאךְ אִיז ר' שִׁמְעוֹן וַוייטֶער גֶעפָארְן בִּיז עֶר אִיז צוּרִיק אָנְקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶר אִיז אַרַיין צוּם רֶבִּי'ן מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה אוּן מִיט גְרוֹיס גֶעוֵויין. אוּן דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט פּוּנְקְט גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן דֶעם שְׁמוּעֶס אִיבֶּער שִׂמְחָה אוּן אִיבֶּער דִי נֶעמֶען פוּן מֶענְטְשְׁן.

מִיט דֶעם קֶען מֶען שׁוֹין גוּט פַארְשְׁטֵיין דִי רֵייד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס הָאט גֶעזָאגְט "שִׁמְעוֹן אִיז דִי אוֹתִיּוֹת 'עָון מָשׁ'", וָואס דָאס מֵיינְט "עֶס אִיז אָפְּגֶעטוֹן פוּן אִים דִי זִינְד", אַז ר' שִׁמְעוֹן אִיז שׁוֹין אַלֶעס אָפְּגֶעקוּמֶען.

## תקסח

שְׁפֶּעטֶער, וֶוען אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען שׁוֹין אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען, נָאר ר' שִׁמְעוֹן אִיז דָארְט גֶעבְּלִיבְּן, הָאט עֶר אָנְהוֹיבְּן דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַלֶעס וָואס אִיז אוֹיף אִים אַרִיבֶּער דִי אַלֶע יָארְן, עֶר הָאט אוֹיסְגֶעגָאסְן זַיין גַאנְצֶע הַארְץ פַארְ'ן רֶבִּי'ן, אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעוֵויינְט.

דֶער רֶבִּי הָאט אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק מְחַזֵּק גֶעוֶוען, עֶר הָאט אִים דֶערְמַאנְט וִוי עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער עֶרְשְׁטֶער וָואס אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן (זֶע פְרִיעֶר אִין סִימָן ס"ז), אוּן אִינְצְוִוישְׁן הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "זָאלְסְט וִויסְן אַז דֶער זֶעלְבֶּער חִילוּק וָואס אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן אַנְדֶערְשׁ פוּן דֶעם טָאג וָואס אִיךְ בִּין גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן בִּיז דֶעם טָאג וֶוען דוּ בִּיסְט אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּן מִיר, דֶער זֶעלְבֶּער חִילוּק אִיז דָא פוּן דֶעם טָאג וֶוען דוּ בִּיסְט אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען פוּן מִיר בִּיז יֶעצְט", אַרוֹיסְבְּרֶענְגְדִיג מִיט דֶעם צוּ וָואסֶערֶע הוֹיכֶע מַדְרֵיגוֹת דֶער רֶבִּי אִיז אַלְץ צוּגֶעקוּמֶען, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען כְּסֵדֶר פוּן אֵיין מַדְרֵיגָה צוּם צְוֵייטְן, הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער, בִּיז עֶר אִיז שׁוֹין אַרוֹיף אַזוֹי הוֹיךְ אִין דִי יָארְן, אַז עֶס אִיז דִי זֶעלְבֶּע חִילוּק פוּן יֶענֶע צַייט בִּיז יֶעצְט, אַזוֹי וִוי פוּן זַיין גֶעבּוֹירְן בִּיז צוּ יֶענֶע צַייט.

יֶעדֶער מִיט אַ מֹחַ אִין קָאפּ קֶען פוּן דֶעם אַבִּיסְל פַארְשְׁטֵיין אוּן אוֹיפְכַאפְּן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע גְרוֹיסְקֵייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; וֶוען ר' שִׁמְעוֹן אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן רֶבִּי'ן אִיז דָאס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען נָאכְדֶעם וָואס דֶער רֶבִּי אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן נָאךְ אַלֶעס וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז אַרִיבֶּער פַארְדֶעם, דִי אַלֶע גֶעוַואלְדִיגֶע גְרוֹיסֶע זַאכְן, דִי וִוינְדֶערְלִיכֶע פִּלְאֵי פְּלָאִים וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אַלְץ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ גָאר גְרוֹיסֶע הַשָּׂגוֹת וָואס מֶען הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזֶען אוּן גֶעהֶערְט אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען נָאךְ אֵיידֶער עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן דֶערְנָאךְ דִי אַלֶע אִיבֶּערְגֵייעֶכְצֶער, דִי צָרוֹת אוּן שְׁוֶועריִקֵייטְן, וָואס דֶער רֶבִּי הָאט מִיטְגֶעמַאכְט בִּיז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אָנְצוּקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן צוּרִיק קוּמֶען פוּן דָארְט בְּשָׁלוֹם, אוּן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע גְרוֹיסֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט דָארְט מַשִּׂיג גֶעוֶוען, וָואס דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט אַז אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעווּאוּסְט אֵיידֶער עֶר אִיז גֶעפָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז מַמָּשׁ גָארְנִישְׁט אַנְטְקֶעגְן וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וִויסְן נָאכְדֶעם, עֶר הָאט זִיךְ גֶעשֶׁעמְט מִיט זַיינֶע תּוֹרוֹת אוּן הַשָּׂגוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעווּאוּסְט אֵיידֶער עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן שְׁפֶּעטֶער אִיז עֶר וַוייטֶער אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען אַלֶעמָאל נָאךְ הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער יֶעדְן טָאג אוּן יֶעדֶע שָׁעָה, אוּן אִין דִי צַייט וֶוען ר' שִׁמְעוֹן אִיז אַוֶועקְגֶעפָארְן פוּן אִים אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַסַאךְ יָארְן נָאכְדֶעם וָואס דֶער רֶבִּי אִיז שׁוֹין צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, מֶען קֶען זִיךְ אַבִּיסֶלֶע פָארְשְׁטֶעלְן אוּן פַארְשְׁטֵיין וִוי גְרוֹיס דֶער רֶבִּי אִיז שׁוֹין דֶעמָאלְט גֶעוֶוען; אוּן וֶוען ר' שִׁמְעוֹן אִיז אַוֶועקְגֶעפָארְן פוּן אִים פַאר בְּלוֹיז דְרֵיי יָאר אָדֶער אַבִּיסְל מֶער, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז דֶער חִילוּק אִין זַיין גְרוֹיסְקֵייט אִין דִי דְרֵיי יָאר, אִיז דִי זֶעלְבֶּע

<<<<<<

>>>>>> נייעס

דער הייליגער אביי האט געזאגט ער זאל באקומען שכר אויף דעם וואס ווען ער זעט איינער פון די תלמידים ענדיגט א מסכתא, מאכט ער פון דעם א יום טוב, און רש"י לייגט דארט צו אווארט "שגרסה", אז דער תלמוד האט געענדיגט די מסכתא בגירסא. דער ראש ישיבה האט געזאגט אז כאטש מען האט אים גערופן אויף יענע נאכט צו קומען אין שטעטל פאר א סיום אין די קהלה צו מחזק זיין די ארטיגע אינגעלייט וואס האלטן מיט דעם טעגליכן שיעור, איז ער אבער ענדערש געקומען מיטהאלטן דעם שיינעם סיום הש"ס.

דער ראש ישיבה האט דערציילט אז איינער האט אמאל געזאגט פאר'ן הייליגן צאנזער רב זי"ע אז ער האט געלערנט ש"ס, האט אים דער הייליגער צאנזער רב צוריק געפרעגט "וואס האט ש"ס דיר געלערנט?" דא - האט דער ראש ישיבה געזאגט - דוד האט געלערנט ש"ס, און ש"ס האט אים געלערנט, אויסער וואס דוד לערנט פלייסיג איז ער א א געוואלדיגער בעל מידות טובות.

דערנאך האט דער חתן-תורה הבחור דוד נ"י אויפגעטרעטן מיט אפאר ווערטער, ווי ער האט געדאנקט דעם אייבערשטן, און זיינע חשובע עלטערן וואס האבן אים מחזק געווען, אזוי אויך זיינע חשובע קרובים פון וויליאמסבורג, וואס האבן אים אריינגענומען אין שטוב, אין די צייט וואס ער לערנט דא.

דערנאך האט מען געהערט אפאר ווערטער פונעם חשוב'ן פאטער שליט"א וואס האט געדאנקט דעם אייבערשטן שהחיינו וקיימנו והגענו, ער האט זיך קיינמאל נישט געגלייבט אז ער וועט זוכה זיין א זיין זון זאל ענדיגן ש"ס, און האט געזאגט אז עס איז בבחינת "ברא מזכה אבא", אויך האט ער זיך זייער באדאנקט פאר'ן ראש ישיבה שליט"א. דערנאך האט מען געהערט נאך דרשות פון די משפחה.

דער עולם איז ארויס מיט שטארקע חיזוק, זיך צו נעמען אין די הענט אריין, און אננעמען די שיינע זיסע עצות פון הייליגן רבין, וואס מיט דעם קען מען האבן א זיסע און געשמאקע לעבן.

**תנו כבוד לתורה!**



# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# וִוי אַזוֹי שְׁטֶעל אִיךְ אָפּ דָאס טְשֶׁעפֶּען אוּנְזֶער קִינְד?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

קוֹדֶם כָּל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר פַאר אַלֶע דְרָשׁוֹת, עֵצוֹת, אוּן בְּרִיווּ, עֶס הָאט מַמָּשׁ גֶעטוֹישְׁט מַיין לֶעבְּן אוּן עֶס וֶוערְט נָאר שֶׁענֶער אוּן שֶׁענֶער.

אֵיינֶער פוּן אוּנְזֶערֶע שְׁכֵנִים הָאט אַ מֵיידְל אִין דִי זֶעלְבֶּע עֶלְטֶער וִוי אוּנְזֶער, אוּן דִי מֵיידְלֶעךְ גֵייעֶן אוֹיךְ אִין דִי זֶעלְבֶּע שׁוּלֶע. יֶענֶע מֵיידְל מִיט אִיר מַאמֶע הָאבְּן זִיךְ גֶענוּמֶען אוֹיף מַיין טָאכְטֶערְ'ס בֵּיינֶער, דִי מַאמֶע הֶעצְט אוּנְטֶער אִיר טָאכְטֶער צוּ טְשֶׁעפֶּען אוּנְזֶער טָאכְטֶער, זִי נֶעמְט צוּזַאם אַנְדֶערֶע מֵיידְלֶעךְ פוּן גֶעגְנְט אוּן זֵיי מַאכְן חוֹזֶק פוּן אִיר טָאג אַיין טָאג אוֹיס.

וֶוען מֶען פְרֶעגְט דִי עֶלְטֶערְן אוֹיבּ אוּנְזֶער טָאכְטֶער הָאט עֶפֶּעס שְׁלֶעכְט גֶעטוֹן, הָאבְּן זֵיי גָארְנִישְׁט צוּ עֶנְטְפֶערְן. מִיר הָאבְּן אוֹיךְ פְּרוּבִּירְט צוּ רֶעדְן מִיט דִי פְּרוֹי וָואס דִי שׁוּלֶע הָאט סְפֶּעצִיעֶל גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף דִי זַאךְ פוּן טְשֶׁעפֶּען אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט דָא מִיט וֶועמֶען צוּ רֶעדְן. מִיר בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, מִיר זָאלְן קֶענֶען לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם וּבְשַׁלְוָה מִיט יֶעדְן.

אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט עֶטְלִיכֶע מָאל צוּ רֶעדְן שֵׁיינֶערְהֵייט מִיט דִי עֶלְטֶערְן אַז עֶס זָאל זִיךְ שׁוֹין אוֹיפְהֶערְן, דֶערְוַוייל הָאט עֶס אָבֶּער נָאר גֶעמַאכְט עֶרְגֶער, אוּנְז הַאלְטְן עֶס שׁוֹין מֶער נִישְׁט אוֹיס.

קֶען אֶפְשָׁר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוּנְז גֶעבְּן אַן עֵצָה וִוי אַזוֹי זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְּן מִיט דֶעם פְּרָאבְּלֶעם?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ג' פַּרְשַׁת בֹּא, י"ז שׁוֹבָבִי"ם,
ב' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס מַאכְט זִיךְ לֵיידֶער בַּיי אַסַאךְ - דִי סָארְט פְּרָאבְּלֶעם, וֶוען צְוִוישְׁן דִי קִינְדֶער אִיז דָא אֵיינֶער וָואס גְרוֹיסְט זִיךְ אוֹיף אַנְדֶערֶע, אוּן מֶען נֶעמְט אַ קִינְד פַאר אַ צִיל-בְּרֶעט, מֶען טְשֶׁעפֶּעט אִים אוּן מֶען פַּיינִיגְט אִים רַחֲמָנָא לִצְלָן.

וֶוען דַיין טָאכְטֶער גֵייט אַרָאפּ זִיךְ שְׁפִּילְן, שִׁיק אִיר אַרָאפּ מִיט נַאשׁ אוּן מִיט שְׁפִּילְצֵייג, גֶעיִמְס וְכַדּוֹמֶה, אַזוֹי וֶועלְן דִי קִינְדֶער זִיךְ וֶועלְן שְׁפִּילְן מִיט אִיר. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ רֶעדְן מִיט אֵיינֶער אָדֶער צְוֵויי שְׁכֵנִים וָואס הָאבְּן נִישְׁט סְפֶּעצִיעֶל עֶפֶּעס קֶעגְן דִיר, זֵיי דֶערְצֵיילְן אַז מֶען טְשֶׁעפֶּעט דַיין טָאכְטֶער, וֶועלְן זֵיי מְחַנֵּךְ זַיין זֵייעֶרֶע קִינְדֶער זִיךְ צוּ שְׁפִּילְן מִיט דַיין טָאכְטֶער.

וְעַל כּוּלָם בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן גֶעזוּנְט אוּן עֶרְלִיךְ. בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זֵיי נִישְׁט טְשֶׁעפֶּענֶען אוּן זֵיי זָאלְן נִישְׁט טְשֶׁעפֶּענֶען אַנְדֶערֶע; תְּפִלָּה אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן אַלְצְדִינְג, תְּפִלָּה אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן שֵׂכֶל, שְׁטֶערְקֶער פוּן טֶבַע; מִיט תְּפִלָּה זֶעט מֶען נִיסִים.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בֹּא תשפ"ג)

BreslevCenter.com\answers

>>>>>> לעבנ'ס געשיכטע פון רבי'ן

ווִי דֶער חִילוּק פוּן וֶוען עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן בִּיז צוּ וֶוען ר' שִׁמְעוֹן אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּן אִים.

### תקסט

עֶטְלִיכֶע טֶעג שְׁפֶּעטֶער אִיז ר' שִׁמְעוֹן נָאכְאַמָאל אַרַיין צוּם רֶבִּי"ן אוּן אִים גֶעבֶּעטְן אַז דֶער רֶבִּי זָאל אִים צוּזָאגְן אַז עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ בַּאדִינֶען דֶעם רֶבִּי"ן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט אוֹיף אֵייבִּיג. דֶער רֶבִּי הָאט אִים אוֹיסְגֶעהֶערְט אָבֶער אִיז שְׁטִיל גֶעבְּלִיבְן, עֶר הָאט אִים גָארְנִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט, אוּן ר' שִׁמְעוֹן אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פַארְוֵוייטָאגְט.

אַ צַייט שְׁפֶּעטֶער הָאט אִים נָאכְאַמָאל גֶעבֶּעטְן דֶעם רֶבִּי"ן דִי הַבְטָחָה, עֶר הָאט דֶערְמַאנְט דֶעמָאלְט פַארְ'ן רֶבִּי"ן דִי מַעֲשֶׂה וֶוען עֶר הָאט גֶערַאטֶעוֶועט דֶעם רֶבִּי"ן פוּן טוֹיט, דָאס אִיז גֶעוֶוען אֵיינְמָאל וֶוען זֵיי זֶענֶען גֶעפָארְן פוּנֶעם דֶערְפְל אוֹסְיַאטִין צוּ מֶעדְוֶועדִיוְקֶע אָדֶער פַארְקֶערְט, זֵיי זֶענֶען דֶעמָאלְט גֶעפָארְן אוֹיף זַייעֶר אַ שִׁיפֶע בַּארְג, אוּן ר' שִׁמְעוֹן הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער וָואגְן וֶועט זִיךְ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען מַמָּשׁ סַכָּנַת נְפָשׁוֹת וַוייל דֶער וֶועג אִיז גֶעוֶוען פוּל מִיט שְׁטֵיינֶער אוּן גְרִיבֶּער, ר' שִׁמְעוֹן אִיז דֶעמָאלְט אַרָאפְּגֶעשְׁפְּרִינְגֶען פוּן וָואגְן אוּן אָנְגֶעהַאלְטְן דֶעם וָואגְן אוּן מִיט דֶעם גֶערַאטֶעוֶועט אַלֶע רֵייזְנְדֶע, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים אוֹיף דֶעם גֶעעֶנְטְפֶערְט, "אַוַודַאי הָאסְטוּ גוּט גֶעמַאכְט", עֶר הָאט אִים מְרַמֵּז גֶעוֶוען מִיט דֶעם אַז עֶר הָאט טַאקֶע זַייעֶר גוּט גֶעטוּן, אָבֶער פַאר דֶעם אַלֵיין קוּמְט אִים נָאכְנִישְׁט אַזוֹי גְרוֹיסֶע הַבְטָחָה, אוּן ווִידֶער אִיז ר' שִׁמְעוֹן אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען מִיט וֵוייטָאג.

נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט שְׁפֶּעטֶער אִיז עֶר ווִידֶערְאַמָאל גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן, אוּן דָאס מָאל הָאט אִים דֶער רֶבִּי שׁוֹין גֶעפְרֶעגְט אוּן אִים דֶערְצֵיילְט אַז זַיין מַאמֶע אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים אִין חָלוֹם אוּן אִים פָארְגֶעהַאלְטְן פַארְוָואס עֶר גֶעבְּט אִים נִישְׁט דִי הַבְטָחָה, "אוּן דֶערִיבֶּער זָאג אִיךְ דִיר צוּ אַז דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין מִיר צוּ בַּאדִינֶען אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט!"

ר' נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זַ"ל הָאט דֶערְצֵיילְט אַז רֶבִּי נָתָן הָאט מְקַנֵּא גֶעוֶוען ר' שִׁמְעוֹנ'ן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע זְכִיָּ' צוּ וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען.

דֶער קֶבֶר פוּן ר' שִׁמְעוֹן אִיז אִין בֵּית הַחַיִּים אִין צְפַת, נָאנְט צוּם צִיּוֹן הַקָּדוֹשׁ פוּן הֵיילִיגְן בֵּית יוֹסֵף, אוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען גֶעווֹואוֹינְט צוּ גֵיין צוּם צִיּוֹן פוּן ר' שִׁמְעוֹן אִין צְפַת, אוּן אִים מַאכְן אַ שָׁלִיחַ צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה – גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"



## ביהמ"ד היכל הקודש ברסלב

**נתייסדה ע"י כ"ק מוהרא"ש זי"ע**

מיר ווילן לאדענען אלע אנשי שלומינו צו די סעודת הילולא פון

## כ"ק מרן מוהרא"ש זצוק"ל

וואס וועט פארקומען בעז"ה

**דינסטאג פרשת יתרו, אור ליום י"ז שבט**

**בבית מדרשינו 27 Skillman St. בשעה 8:00**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז מיר זאלן זיך שטארקן
אינאיינעם צו גיין ווייטער אין די הייליגע וועגן וואס
מוהרא"ש האט אונז געלערנט

**תורתו מגן לנו הוא מאירת עינינו**



# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# יומא דהילולא קדישא פון מוהרא"ש זי"ע

די קומענדיגע וואך מיטוואך, י"ז שבט, געפאלט די אכטע יומא דהילולא קדישא פון כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע. מיט יעדן טאג נענטער צום יארצייט דערקענט זיך די התעוררות און התרגשות ביי אנשי שלומינו בפרט, און ביי אידן איבער די וועלט בכלל, צו דעם געהויבענעם טאג. מוהרא"ש פלעגט זאגן "ביים יומא דהילולא פון א צדיק, קומט ארויס און מען זעט וואס דער צדיק האט איבערגעלאזט פאר די וועלט", מען זעט ווי די לימודים און עצות וואס ער האט געלערנט מיט אידישע קינדער ביים לעבן, זענען ווייטער חי וקים, זיי זענען מחזק און מעורר אלץ מער און מער אידישע קינדער איבער די וועלט, און דערנענטערט זיי צום אייבערשטן, נאך מער און שטערקער ווי ביי זיין הייליג לעבן.

מיר געדענקן זייער גוט וואס מוהרא"ש האט געטון פאר אונז אלע זיינע יארן, ווי אזוי ער האט אונז געשטארקט אין יעדן מצב און אונז מחזק געווען צו דינען דעם אייבערשטן ווי עס דארף צו זיין, און מיר זענען זיך ווייטער מחזק מיט זיינע פילע הייליגע ספרים און קונטרסים וואס געבן אונז דעם ריכטיגן וועג אין לעבן, ווי אזוי צו דינען דעם אייבערשטן און זיך קיינמאל נישט אפרייסן פונעם אייבערשטן. און דעריבער איז דער טאג אזוי גרויס, ווען מען נעמט זיך צוזאם און מען חזר'ט איבער זיינע ווערטער, און מען איז ווייטער ממשיך צו גיין אין זיינע וועגן.

פילע אנשי שלומינו אין ארץ ישראל וועלן זיך משתטח צו זיין אויפ'ן ציון הקדוש אין יבנאל אין די טעג ארום די יארצייט, אנדערע אידן בכל מקומות מושבותיהם וועלן זיך צוזאמנעמען אין די לאקאלע בתי מדרשים און איבער'חזר'ן דאס וואס מוהרא"ש האט אונז געלערנט אלע יארן, און לערנען די הייליגע עצות פון זיינע פילע ספרים וואס ער האט אונז איבערגעלאזט בירושה.

די צענטראלע סעודת הילולא וועט פארקומען אי"ה אור ליום י"ז שבט, דינסטאג יתרו ביינאכט, אום 8:00, אין היכל הישיבה אין וויליאמסבורג, אויף 27 סקילמאן סטריט, וואו דער ראש ישיבה שליט"א וועט פראווען די סעודת הילולא.

אנשי שלומינו וועלן אויך אויסנוצן דעם געהויבענעם טאג זיך אנצושטרענגען אויסצופירן דאס וואס מוהרא"ש האט געטון זיין גאנץ לעבן, צו דרוקן דעם רבינ'ס ספרים און עס פארשפרייטן איבער די וועלט, און אזוי אריינברענגען די הייליגע לימודים פון רבי'ן אין יעדע אידישע שטוב. מ'וועט זיך משתתף זיין מיט שיינע סכומים ארויסצוהעלפן דעם בית הדפוס "קרן הדפסה היכל הקודש" וואו מ'דרוקט טויזנטער ספרים און קונטרסים טאג טעגליך, און מען פארשפרייט עס צו אידן איבעראל, און וועקט זיי אויף אנצוהייבן לעבן מיטן אייבערשטן פון פריש.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן ווייטער ממשיך זיין זיך צו האלטן בדיבוק חברים און פאלגן וואס מוהרא"ש האט אונז געלערנט.

**הוא ימליץ טוב בעדינו!**

***

# סיום הש"ס פון הבחור החשוב דוד אסקאל ני"ו

אין ישיבה תפארת התורה ברסלב אין וויליאמסבורג הערשט א גרויס שמחה. איינע פון די חשובע תלמידים הבחור החשוב דוד אסקאל הי"ו וואס איז אריינגעקומען אין ישיבה מיט ווייניגער פון א יאר, און נאכ'ן הערן פונעם ראש ישיבה די גרויסקייט פון זאגן און ענדיגן ש"ס, האט ער עס גענומען און געפאלגט מיט תמימות ופשיטות, און אויסערדעם וואס ער איז א געשמאקע בחור מיט מידות טובות, און חוץ זיינע פילע שיעורים און חומש, משניות, הלכה, מדרשים און אזוי ווייטער האט ער געלערנט יעדן טאג עטליכע שעה ש"ס כסדרן, ביז דער אויבערשטער האט געהאלפן אז אין די טעג איז ער אנגעקומען און האט זוכה געווען צו מסיים זיין גאנץ ש"ס.

צום גרויסן טאג זענען זיינע עלטערן און משפחה געקומען צו פארן פון ארץ ישראל, און דער סיום איז אפגעראכטן געווארן אויף א הערליכן פארנעם אין שטוב פון זיינע חשובע קרובים וואס וואוינען דא אין וויליאמסבורג.

דער ראש ישיבה שליט"א איז זיך ספעציעל געקומען באטייליגן ביים סיום, מען האט זיך געוואשן צו א סעודה, מען האט געזונגען שיינע ניגונים, און מען האט געהערט עטליכע שיינע דרשות. וואס מען קען הערן אויף קול ברסלב.

דער ראש ישיבה שליט"א האט אויפגעטרעטן און האט ארויסגעברענגט ביי זיין דרשה ווי איבערגענומען ער איז אז די משפחה מאכט אזא שיינע סיום, בשעת אין ישיבה זענען שוין געווען צענדליגע סיום הש"ס, אבער רוב מאל קומט עס פאר אין ישיבה, נישט אלע משפחות וויסן צו אנערקענען די חשיבות פון א בחור וואס לערנט פלייסיג די הייליגע תורה אויפ'ן סדר דרך הלימוד פון הייליגן רבי'ן, אבער דא, האט דער ראש ישיבה געזאגט - זעט מען א ווארימע משפחה וואס פריידט זיך מיט און העלפט און שטיצט, און מען ווייזט ארויס כבוד פאר די תורה, און מען פראוועט א שיינע סיום, ווי חכמינו זכרונם לברכה דערציילן (שבת קיח:)

<<<<<<

## סימן טוב ומזל טוב

החתן מו"ה **שמעון** הי"ו

בן מו"ה **נחמן ניישטיין** הי"ו

מלמד מומחה במוסדותינו הקדושים

צו זיין שמחה למזל טוב עב"ג

בת מו"ה **מרדכי אינדיג** הי"ו

מנהל תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב



## ארויסגעפאלן? פאל אריין

**שפירסט זיך ארויסגעפאלן? ביסט נישט מצליח אין לעבן? קענסט זיך נישט קיין עצה געבן? ס'איז דא א וועג צוריק אריינצופאלן**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 2, 8, 14**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי"ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >